# ווינקלען

טרעפּן. מאַסן. שטייגן. פאַלן. פינסטער. ליכט.
ווענט אַרום. מאַסיוו און דיק. דאָך פאַלט אין שטראַלן
דורך די ווענט דער דרויסן. נישט קיין ווענט, — וואַלן.
עפנט אַלץ זיך און פאַרמאַכט זיך אומגעריכט.

גענעצט שוואַרצקייט. טרעפּן. ווינדלען. שטייגן. פאַלן.
פאַלט די גאַנצע מאַסע. פאַלט אויף מיר געדיכט.
אויסגעשרייען. ווו? ווער? שטיקט אַלץ איין ס׳געוויכט.
פאַלן שלוכצן (ווו? ווער?) שטיינער און פּאָרטאַלן.

צימער. דרייעק. ווינקלען. שפּיצן. אומעטום.
פאַלן ווענט. פּאַמעלעך, דראָענדיק און שטום.
קומען נענטער, נענטער אַלץ און אָנגעלענטער.

בּייל איך איין די פויסטן, שטרעק איך אויס די הענט,
קלאַפּן זיך די פינגער אָן אין דרייסיק ווענט.
ווינקלען, שפּיצן, — נענטער, נענטער, נענטער, נענטער.

*Fun:*
*Aron Glantz Leyeles, "Yungharbst", Varshe 1922*
*transkribirt un ibergezetst fun Martin Quetsche*
*www.schmarowotsnik.de*

**Vinklen**

Trepn. Masn. Shtaygn. Faln. Fintster. Likht.
Vent arum. Masiv un dik. Dokh falt in shtraln
Durkh di vent der droysn. Nisht keyn vent, - vualn.
Efnt alts zikh un farmakht zikh umgerikht.

Genetst shvartskayt. Trepn. Vindlen. Shtaygn. Faln.
Falt di gantse mase. Falt oyf mir gedikht.
Oysgeshreyen. Vu? Ver? Shtikt alts ayn s'gevikht.
Faln shlukhtsn (vu? ver?) shteyner un portaln.

Tsimer. Drayek. Vinklen. Shpitsn. Umetum.
Faln vent. Pamelekh, droendik un shtum.
Kumen nenter, nenter alts un ongelenter.

Bayl ikh ayn di foystn, shtrek ikh oys di hent,
Klapn zikh di finger on in draysik vent.
Vinklen, shpitsn, - nenter, nenter, nenter, nenter.

**Winkel**
Treppen. Massen. Steigen. Fallen. Finster. Licht.
Wände drumherum. Massiv und dick. Doch fällt in Strahlen
durch die Wände das Draußen. Keine Wände - Schleier.
Alles öffnet und schließt sich unerwartet.
Schwärze gähnt. Treppen. Wendeln. Steigen. Fallen.
Die ganze Masse fällt. Fällt dichtgedrängt auf mich.
Ausschreie. Wo? Wer? Das Gewicht erstickt alles.
Fallen schluchzen (wo? wer?) Steine und Portale.
Zimmer. Dreieck. Winkel. Spitzen. Überall.
Wände fallen. Langsam, drohend und stumm.
Kommen näher, immer näher und angelehnter.
Balle ich die Fäuste, strecke die Hände aus,
da klopfen die Finger gegen dreißig Wände.
Winkel, Spitzen - näher, näher, näher, näher.